# דברים חוצבים להבות אש

## שהשמיע כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

### בתוך דרשת שבת הגדול תשע"ו לפ"ק

יוצא לאור ע"י מכון מעדני מלך וויען

**בליל** פסח שורה קדושה עצומה בכל בית ישראל. אור גדול שלא מרגישין כזאת במשך השנה, וכידוע מספה"ק שאנו מארחים בו את הקב"ה ופמליא דיליה הבאים לבית כל ישראל. ואתכא דרחמנא אנו מסובין (תוס' ברכות מב:), וכל אחד לפי דרגתו מתעלה באמונת אלקי עולם הוא ובניו יחדיו...

**די הארץ טוט אבער וויי צו זאגן, אז נישט יעדער וועט זוכה זיין צו דעם אז דער אייבערשטער מיט זיין פמליא זאלן זיין ביי אים אין שטוב ביים סדר, עס וועלן זיין אזעלכע שטובער וואס דער אייבערשטער וועט דאס איבערהיפען און נישט אריינגיין דארט, דאס זענען די שטובער וואס עס געפונען זיך דארטן כלים אן קיין פילטער דערויף.** יעדער געדענקט ווען עס איז געווען דער גרויסער כינוס וועגן די טעכנעלאגישע כלים אז עס מוז האבן א פילטער דערויף, האט מען געהערט א דרשה פון הגאון רבי שמואל וואזנער זצוק"ל דורך א הוק-אפ, און ער האט געזאגט אז א שטוב וואו עס געפונט זיך אזא כלי טאר א פשוטער איד נישט אריינגיין אין די שטוב, און ער האט עס מסמיך געווען אויף א גמרא (ב"ק פ.). **אז מען האט געפסקנ'ט אזוי אויף דער וועלט אין בי"ד של מטה, פסקנ'ט מען אין הימל זיכער אזוי, אז עס שטייט אין די תורה ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, טרעט די שכינה נישט אריין אין אזא שטוב.**

**דער** טאטע זיצט און פארציילט יציאת מצרים פאר די קינדער, אריינצוגעבן אין זיי אמונת אלקי עולם, אבער אז די שכינה געפונט זיך נישט דארט, די לופט איז נישט פול מיט די קדושת השכינה, וואסערע רושם קען שוין מאכן זיינע פשוטע ווערטער וואס ער זאגט. א טאטע פרעגט אסאך מאל, אז ער זעהט א קאלטקייט ביי זיינע קינדער צו עבודת ה', ער אליין איז אסאך מאל דער גורם דערצו, ער לאזט נישט די שכינה אריינקומען צו אים און שטוב אריין. - **עס זענען דא יונגעלייט וואס זייט דער חתונה האט נאך די שכינה קיינמאל נישט אריינגעטרעטן ביי זיי אין שטוב, וויאזוי טראכט מען אז דארט וועט מען קענען מגדל זיין הייליגע אידישע דורות.**

**דער טאטע עפענט אויף די טיר ביים סדר ביי שפוך חמתך, אליהו הנביא זאל אריינקומען צו אים אין שטוב, ער קומט נישט אריין! ער בלייבט שטיין אינדרויסען ביים טיר!, אז א פשוטער איד טאר נישט דארט אריינגיין, וועט אליהו הנביא זיכער נישט אריינקומען דארט!**

**כעת** היא הזמן של ביעור חמץ, לבער מביתו כל הכלים האסורים. ואז יזכה שיאיר בביתו אור גדול בליל הסדר מהשראת השכינה בבית. - במקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד, **מען קען זיך נישט פארשטעלן די שמחה וואס עס איז דא אין הימל, ווען די שכינה קומט אריין אין אזא שטוב וואס ער האט נישט געקענט קומען דארט פאריאהר און פאר צוויי יאהר, און יעצט קען ער דארט אריינקומען.** ויזכה בזה שיתלהב לבבות הבנים ויכנסו הדברים באזניהם, וקדושת השכינה תהא מדברת מתוך גרונו, לעורר את עצמו יחד עם בני ביתו לאהבה את ה' וליראה אותו.

**והנני** כופל בזה בקשתי מה שעוררתי כבר, **שגם אלו שיש להם פילטער, ישתדלו שיהיה עליו חותם מאושר מאותו קאמפאני שעשו את הפילטער, כדי שיוכל כל אחד לראות שיש עליו פילטער. מען דארף וויסן אז די כלי איז א טריפה'נע כלי, און אזוי ווי א שטיקל פלייש וועט ער נישט נעמען אן קיין זיגל דערויף אז עס איז כשר, די זעלבע דארף אזא כלי האבן א זיגל, אז מען זאל זעהן אז דאס איז א כשר'ע כלי.** וכאשר יראה את חבירו שלוקח סמארטפאן בידו ואין עליו חותם, ישאל אותו למה אין לו עליו חותם הכשר. ובזה יזכה את הרבים שאין חטא בא על ידו. ויהיה לתועלת רב גם לבניו ובני ביתו, שיראו תמיד שיש להאב כלי שהוא כשר, ויתחנכו שאין להשתמש בכלי שאין עליו פילטער. **ויש לכל אחד להרגיל עצמו שלא ליגע בכלי שאין עליו חותם שהוא כשר.**